# מיר שיקן אייך א וויכטיגע שטייער דאקומענט

## איר אדער א פאמיליע מיטגליד האט באקומען הילף צו באצאלן פאר העלט אינשורענס אין 2023 און איר דארפט נוצן די פארם פאר אייער פעדעראלע שטייער צוריקצאל.

איר אדער א פאמיליע מיטגליד האט באקומען הילף צו באצאלן פאר די העלט אינשורענס וואס איר האט געקויפט דורך די NY סטעיט אוו העלט לעצטע יאר. די דאזיגע פינאנציעלע הילף איז געקומען אין די פארעם פון א שטייער קרעדיט וואס איז געגעבן געווארן "פאראויס" פון פיילן שטייער - דאס איז, *ווען איר האט זיך איינגעשריבן אין אייער העלט פלאן*. אלץ א רעזולטאט, טוט די IRS אייך פארלאנגען צו פיילן די IRS פארם 8962 צוזאמען מיט אייער פעדעראלע שטייער צוריקצאל צו מסדר זיין אייער שטייער אקאונט פאר 2023. איר קענט באקומען די 8962 פארם אויף **www.irs.gov** און איר וועט נוצן די בייגעלייגטע פארם 1095-A אויסצופילן.

---

**הילף איז געווען באזירט אויף אייער איינקונפט**

די סומע פון אייער פאראויסגעגעבענע פרימיום שטייער קרעדיט איז געווארן באזירט אויף אייער געשאצטע פאמיליע איינקונפט און אינפארמאציע אוועילעבל ביי די צייט וואס איר האט זיך איינגעשריבן. ווען איר פארענדיגט ~~די~~ די IRS 8962 פארם, וועט אייער ענדגילטיגע פרימיום שטייער קרעדיט זיין באזירט אויף אייער אקטועלע איינקונפט און די קאסט פון די צווייט נידריגסטע קאסט זילבער פלאן אין די קאונטי וואו איר וואוינט.

**אויב אייער ענדגילטיגע פרימיום שטייער קרעדיט פון די IRS 8962 פארם איז ווייניגער פון אייער פאראויסגעגעבענע פרימיום שטייער קרעדיט,** וועט איר מעגליך דארפן צוריקגעבן אביסל פון די שטייער קרעדיט אין פארעם פון העכערע שטייער אדער א קלענערע ריפאנד.

**אויב אייער ענדגילטיגע פרימיום שטייער קרעדיט פון די IRS 8962 פארם איז מער פון אייער פאראויסגעגעבענע פרימיום שטייער קרעדיט,** וועט איר מעגליך באקומען נאך פינאנציעלע הילף אין פארעם פון א גרעסערע ריפאנד אדער נידריגערע שטייער.

---

## עס איז וויכטיג אז איר זאלט וויסן...

**פארוואס איר קענט מעגליך באקומען אנדערע פארמס**

איר וועט באקומען איין 1095-A פארם פאר יעדע קופער, זילבער, גאלד אדער פלאטינום העלט פלאן וואס איר אדער אייער פאמיליע מיטגליד האט זיך איינגעשריבן אין 2023. איר וועט באקומען מער ווי איין פארם 1095-A אויב איר האט געהאט סיי וועלכע טוישן אין אייער NY סטעיט אוו העלט דעקונג דורכאויס 2023. פארם 1095-A ווערט נישט געשיקט פאר קאטאסטראפישע פלענער אדער פאר מעדיקעיד, טשיילד העלט פלאָס, אדער די עסענשל פלאן ווייל די פלענער זענען נישט בארעכטיגט פאר שטייער קרעדיט.

אויסער פארם 1095-A, איז מעגליך אז איר וועט באקומען אנדערע וויכטיגע שטייער פארמס. דאס זענען **פארמס 1095-B און 1095-C**.

| | |
|---|---|
| **פארוואס איר קענט מעגליך באקומען אנדערע פארמס** *פארגעזעצט* | אויב איר אדער א פאמיליע מיטגליד איז געווען איינגעשריבן אין Medicaid, Child Health Plus, אדער די Essential Plan אין ניו יארק סיי ווען דורכאויס 2023, וועט א 1095-B פארם זיין אוועילעבל אין אייער New York State Department of Health אינבאקס. איר קענט אויך פארלאנגען א 1095-B פארם פון די New York State Department of Health דורך רופן 1-800-541-2831 אדער שיקן אן אימעיל צו 1095B@health.ny.gov. אויב איר זענט געווען איינגעשריבן אונטער אנדערע סארט דעקונגען - ווי למשל א קאטאסטראפישע פלאן, מעדיקעיר חלקים A אדער C, טרייקעיר, בענעפיטן פון די דעפארטמענט פון וועטעראנען געשעענישן, אדער געוויסע ארבעטסגעבער-באצאלטע העלט אינשורענס - קענט איר באקומען פארם 1095-B אדער פארם 1095-C פון אנדערע קוועלער. |
| **וויאזוי צו באַקומען הילף** | אויב איר טראכט אז מיר האבן געמאכט א טעות אויף אייער 1095-A פארם, רופט NY סטעיט אוו העלט **ווי פריער מעגליך אויף 1-855-766-7860** אז מיר זאלן קענען פאררעכטן די רעקארד.<br><br>אויב האט איר פראגעס וועגן פארם 1095-A אדער די שטייער קרעדיט, **באזוכט http://info.nystateofhealth.ny.gov/TaxCredits, רופט NY סטעיט אוו העלט at 1-855-766-7860**, אדער **רופט קאמיוניטי געזונט אדוואקאטן'ס הילף ליין אויף 1-888-614-5400.**<br><br>אויב האט איר א פראגע וועגן די 1095-B אדער 1095-C שטייער פארמס וואס איר האט מעגליך באקומען, רופט די נומער וואס געפונט זיך אויף די פארמס.<br><br>אויב האט איר פראגעס וועגן פארם 8962 אדער אנדערע שטייער-פארבינדענע פראגעס, באזוכט **www.irs.gov.** |

**מעלדונג פון נאנדיסקרימינאציע פאליסי**

NY סטעיט אוו העלט קומט נאך אלע גילטיגע פעדעראלע ציווילע רעכטן געזעצן און סטעיט געזעצן, און דיסקרימינירט נישט באזירט אויף ראסע, קאליר, נאציאנאלע אפשטאם, גלויבן\רעליגיע, מין, עלטער, הייראט\פאמיליע סטאטוס, דיסאביליטי, שוואנגערשאפט-פארבינדענע צושטאנד, ארעסט רעקארד, קרימינאלע באשולדיגונג(ען), דזשענדער אידענטיטעט, געשלעכטליכע אריענטאציע, פרידיספאזינג גענעטישע כאראקטעריסטיקס, מיליטערישע סטאטוס, דאמעסטישע געוואלדטאטן קרבן סטאטוס און\אדער נקמה.

אויב איר גלויבט אז דער ניו יארק מעדיקעיד פראגראם האט דיסקרימינירט קעגן אייך, קענט איר אריינגעבן א קלאגע דורך גיין צו: www.health.ny.gov/regulations/discrimination_complaints/ אדער דורך אימעילן די דייווערסיטי מענעדזשמענט אפיס אויף DMO@health.ny.gov.

איר קענט אויך אריינגעבן א ציווילע רעכטן קלאגע מיט די U.S. דעפארטמענט אוו העלט און היומען סערוויסעס, אפיס פון ציווילע רעכטן עלעקטראניש אויף: https://ocrportal.hhs.gov/ocr/smartscreen/main.jsf אדער דורך פאסט אדער טעלעפאן צו U.S. Department of Health and Human Services, 200 Independence Avenue, SW, Room 509F, HHH Building, Washington, D.C. 20201; 800-368-1019 (TTY 800-537-7697). קלאגע בויגנס זענען אוועילעבל אויף www.hhs.gov/ocr/office/file/index.html.

צושטעלונגען
די ניו יארק מעדיקעיד פראגראם שטעלט צו אומזיסטע הילף און סערוויסעס פאר מענטשן מיט דיסאביליטיס צו קענען גוט קאמיוניקירן מיט אונז, אזוי ווי:

- TTY דורך NY רילעי סערוויס
- אויב איר זענט בלינד אדער איר האט ערנסטע זע-קראפט באגרעניצונגען און דארפט מעלדונגען אדער אנדערע געשריבענע מאטריאלן אויף אן אלטערנעטיווע פארמאט (גרויסע דרוק, אודיא אדער דאטא CD, אדער ברעיל), רופט 1-855-355-5777 (TTY: 1-800-662-1220).

ניו יארק סטעיט אוו העלט שטעלט אויך צו אומזיסטע שפראך הילף סערוויסעס פאר מענטשן וועמענס הויפט שפראך איז נישט ענגליש, אזוויוי:

- קוואליפֿיצירטע דאלמעטשערס
- געשריבענע אינפארמאציע אין אנדערע שפראכן

**אויב איר דארפט די סערוויסעס אדער פאר מער אינפארמאציע אויף לאגישע צושטעלונגען, ביטע רופט 1-855-355-5777 (TTY: 1-800-662-1220).**